בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

366 | פרשת בא | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'בא אל פרעה' - אן א חשש פון א קטרוג

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ"** (י א)

לכאורה דארף מען פארשטיין, די ווערטער: "כי אני הכבדתי את ליבו", איז דען א טעם אז ער זאל גיין, פארקערט, דאס איז דאך א סיבה זיך אפהאלטן פון צוגיין צו אים, אין אזא פאל איז דאך זיכער אז ער גייט נישט צוהערן צו משה?

ענטפערט דער **מהר"ם שיק:**

פונקט פארקערט, משה האט מורא געהאט גיין צו פרעה ווייל אויב ער וועט יא צוהערן צו זיינע ווערטער און תשובה טון וועט דורך דעם נתעורר ווערן א קטרוג אויף די אידן וואס הערן נישט אויס די ווערטער פון השי"ת (זעה אויבן ו יב), און אזוי ווי די חכמים ערקלערן (ירושלמי סנהדרין יא ה) די סיבה פארוואס יונה הנביא האט נישט געוואלט זאגן מוסר פאר די איינוואוינער פון נינוה אזוי ווי ה' האט אים באפוילן - ווייל ער האט מורא געהאט טאמער צוליב זייער תשובה וועט נתעורר ווערן א קטרוג אויף די אידן. דעריבער האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה: "בא אל פרעה", און זאלסט נישט מורא האבן טאמער עס וועט נתעורר ווערן א קטרוג אויף די אידן, "כי אני הכבדתי את ליבו" ער זאל דיך נישט צוהערן.

'מהר"ם שיק השלם' על התורה

### 'לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה'

**"וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'"** (י ב)

זאגט **רבי שלמה זלמן פריעדמאן אב"ד טענקא:**

עס איז באקאנט דער מאמר חז"ל (ב"מ פה א): "כל שהוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם". און תוספות (ב"ב נט א ד"ה והחוט) לייגט צו: די הבטחה איז געזאגט געווארן נאר ווען דער פאטער, דער זון און אייניקל זעהן איינעם דעם צווייטן. א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין אונזער פסוק: אויב דו "תְסַפֵּר" אליין די תורה "בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ", דעמאלטס ביזסטו פארזיכערט אז די תורה וועט זיך נישט אויפהערן פון דיינע קינדער, "וִידַעְתֶּם" ענק אלע "כִּי אֲנִי ה'".

### משנכנס ניסן מרבין מיט 'אמונה'

**"הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה"** (יב ב)

**רבי חיים קינסט** פון די ירושלים'ער מגידים זאגט:

ביי יציאת מצרים זענען די אידן ריין געווארן פון די טומאת עבודה זרה און די ריינע אמונה האט זיך געשטארקט אין זייערע הערצער. יעדע יאר, ווען עס ווערט באנייט חודש ניסן, ווערט נתעורר די השפעה פון די אמונה אין די הארץ פון יעדער איד, און דאס קען פארשטארקן און באפעסטיגן די אמונה אין ה' און אין זיין גענצליכע געוועלטיגונג אויף אלעס. א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין לשון הפסוק "ראשון הוא לכם" - איז סופי תיבות: 'אמן'.

'תורת מועדים' עמ' לו

ווענן דעם ביי די זמירות פון שבת בעטן מיר: "הרחמן הוא יברך את עמו... ויזכו **לראות** בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות" - מיר זאלן זוכה זיין דאס זען מיט די אויגן, און אזוי זענען מיר פארזיכערט אז די תורה וועט זיך נישט אפטון פון אונזערע קינדער אויף אייביג.

'חמד שלמה'

### די אפגעהיטנקייט פון משה פון א לשון וואס זעט אויס ווי שקר

**"וְהַעְתִּירוּ לַה' אֱלֹקֵיכֶם וְיָסֵר מֵעָלַי רַק אֶת הַמָּוֶת הַזֶּה; וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר אֶל ה'"** (י יז-יח)

אמאל האט זיך באגעגנט **רבי אברהם יפה'ן** ראש ישיבת נאבהאראדאק ביי א שמחת שבע ברכות מיטן סאטמאר רב בעל 'דברי יואל'. וועלנדיג שילדערן פארן רבי'ן די גרויסקייט פון די חכמי המוסר, האט ער אים דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט מיט רבי זונדל סאלאנטער: איינמאל האט ער באקומען א בריוו פון א תלמיד וואס בעט ער זאל דאווענען אויף זיין פרוי וואס איז קראנק ל"ע. רבי זונדל האט געבעטן פון זיין משמש זאל שרייבן צו יענעם תלמיד אז ער דאוונט אויף זיין ווייב אזוי ווי ער האט אים געבעטן. דערנאך וואס דער משמש האט געשריבן דעם בריוו האט ער נישט געוואלט אויף דעם חתמ'ענען. אויף די וואונדער פון דער משמש האט ער ערקלערט: האסט געשריבן "אנו מתפללים" - א לשון רבים, אין די צייט וואס נאר איך דאוון. טראץ עס איז איינגעפירט צו שרייבן בלשון רבים, האט רבי זונדל אכטונג געגעבן זיך נישט אוועק רוקן פון די אמת אפילו א האר נישט.

נאך וואס דער 'דברי יואל' האט געהערט די מעשה, האט ער געזאגט אז די הנהגה פון רבי זונדל איז ריכטיג, און ער האט צוגעטראפן צו די ווערטער פון רמב"ן וואס האלט אז א יחיד זאל זיך נישט באנוצן מיט א לשון רבים, און שרייבט אז דער וואס טוט יא אזוי האט ער א זינד פון ליגנט.

יארן שפעטער האט רבי אברהם דערציילט:

אין לויף פון אסאך יארן נאך די געשיכטע האב איך פרובירט טרעפן די מקור פון דער רמב"ן, אבער איך האב נישט געטראפן. נאך אסאך יארן האב איך אנגעהויבן טראכטן אפשר האב איך נישט גוט געהערט וואס דער רבי האט געזאגט, אבער שפעטער האט השי"ת באלויכטן מיינע אויגן און איך האב געטראפן די ווערטער פון רמב"ן אויף די פאלגנדע פסוק, וואס זאגט אז טראץ פרעה ווענדט זיך צו משה און אהרן מיט א לשון רבים: "והעתירו", האט משה מקפיד געווען צו באטאנען א גאנצע צייט אז ער אליין וועט דאווענען, אזוי ווי עס שטייט: "והעתרתי אל ה'" (ח ה); "אפרוש כפי אל ה'" (שם כה), און זאגט: "כי לא ידבר משה בזה לשון רבים, שלא יוציא שקר מפיו".

'עולמות שחרבו' עמ' נו

### מקדש ישראל והזמנים

**"הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב"** (יג ד)

דער **רבנו בחיי** שרייבט:

די הייליגע תורה האט אנגעהאנגען די צייט פון די ימים טובים אין די סעזאנען פון די יאר; יו"ט פסח געפאלט אויס אין 'פרילינג', שבועות אין די צייט פון די 'שניט' און סוכות אין די צייט פון 'אסיף' ווען מ'נעמט צוזאם די פרוכט פון די פעלד. דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען ביי דער נוסח פון קידוש און ביי די תפילות פון די ימים טובים: "מקדש ישראל והזמנים", און נישט "מקדש ישראל והמועדים" - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא כג ד): "אלה מועדי ה' מקראי קדש...", ווייל די קביעות פון די ימים טובים איז אנגעהאנגען אין די צייט פון פרילינג, שניט און צוזאמנעמען.

דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט י"ד שבט, געפאלט אויס די יומא דהילולא פון המקובל **רבי דניאל פריש** דער מחבר פון פירוש **'מתוק מדבש'** אויפן זוהר הקדוש. אין סידור 'מתוק מדבש' ווערט געברענגט מ'זאל יעדן טאג זאגן די תפילה, כדי צו מתקן זיין די אמנ'ס וואס זענען געזאגט געווארן אן כוונה:

"רבונו של עולם גלוי וידוע לפניך שאני בשר ודם ואין בי כח לכוון כוונת אמן, ויהא שמיה רבא, וברוך הוא וברוך שמו - כראוי. בכן יהי רצון מלפניך שתהא עולה כוונת אמן, ויהא שמיה רבא, וברוך הוא וברוך שמו, שאענה היום, עם אותם השרידים היודעים לכוון עניינם כראוי".

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.



# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (א')

### 'אנהייבן א נייע בלאט' יעדן טאג

דאס אוועק נעמען די שלאף פון אונזערע אויגן פארשליסט דעם נעכטיגן טאג מיט אלע זיינע געשעהענישן, און ערמעגליכט אונז אנהייבן א נייע טאג מיט פרישע און נייע כוחות. ביים אנהייבן דעם נייעם טאג שטייען מיר אין א פרשת דרכים; מיר האבן די מעגליכקייט באשליסן צי מיר ווילן אויסנוצן דעם טאג צו קענען פארווירקליכן אונזער ציל, דינען דעם באשעפער און עוסק זיין אין תורה הקדושה, אדער חלילה צוהערן צו דעם יצר הרע און נכשל ווערן מיט חטאים און עוונות.

ווייל אלעס גייט דאך נאך די אנהייב, איז פאסיג אז נאכן זאגן די ברכה 'המעביר שינה', זאלן מיר באלד בעטן פון השי"ת ער זאל אונז העלפן אויספירן דער אינערליכער וואונטש, און אנהייבן דעם נייעם טאג אויף א בעסערן וועג פון נעכטן, מיט א ריכטיגע דביקות אין השי"ת און זיינע מצוות (פירוש 'שיח יצחק' בסידור 'אשי ישראל').

דער אלטער פון קעלם האט ערקלערט אז אין די ברכה 'המעביר שינה' לויבן מיר אויפן אוועק נעמען פון אונז די רוחניות'דיגע שלאף וואס שטערט אונז צו לערנען די הייליגע תורה און מקיים זיין די מצוות. דעריבער זאגן מיר באלד די תפילה 'ויהי רצון', אלץ א טייל פון די ברכה, פון דעם זאלן מיר פארשטיין וואס ליגט אין די ברכה, א לויב אויף די עפענונג פון די רוחניות'דיגע אויגן וואס העלפט צו דעם מענטש זיך צוגעוואוינען צו די תורה ('חכמה ומוסר' ח"א עמ' רנה).

### זיך צוריק צוגעוואוינען אין תורה

באלד ביים אויפשטיין אינדערפריה, בעפאר מיר הייבן אן לערנען תורה, זענען מיר מייחד א בקשה אויף לימוד התורה - "יהי רצון... שתרגילנו בתורתך". די פשוטע באדייט פון די בקשה איז אז די תורה זאל זיין קלאר און שארף אין אונזער מויל, אזוי ווי חז"ל זאגן (קידושין ל א): "שאם ישאלך אדם אל תגמגם ותאמר לו אלא אמור לו מיד" ('שמעה תפילתי' עמ' מו).

אבער די מפרשים זאגן אז די בקשה איז נישט נאר אויף צו געדענקען דאס לערנען, נאר אויך אז דאס לערנען זאל זיין מיט א קביעות. ווייל א געוואוינהייט ציט א מענטש צו טון די זעלבע פעולה ווייטער, און ווי מער ער וועט זיך צו דעם צוגעוואוינען, וועט אים גרינגער ווערן עס מקיים זיין. די אידישע נשמה פון איר נאטור ציט זי צו זיין פארטיפט אין די הייליגע תורה, אבער אקעגן דעם, דער כח פונעם גשמיות'דיגן קערפער צו ציען נאך די עולם הזה'דיגע תאוות דערווייטערן אים פון די תורה.

ווי מער א מענטש געוואוינט זיך איין צו דברים בטלים און עניני עולם הזה, ווערט באשאפן אין זיין הארץ א שטארקע גלוסטעניש אנהאלטן די קשר מיט זיי מער און מער, ביז אין ענדע קען ער זיך נישט אקעגן שטעלן און ער לאזט אינגאנצן אפ די תורה חלילה, אזוי ווי די חז"ל זאגן ('ילקוט שמעוני' עקב תתעג): "אם יום תעזבני - יומיים אעזבך".

דעריבער בעטן מיר פון הקב"ה ער זאל אונז העלפן פאררעכטן די שלעכטע געוואוינהייטן וואס מיר האבן זיך צו זיי צוגעוואוינט, און זיך צוריק צוגעוואוינען צו תורה און מצוות, ווי מער מיר וועלן זיך צוגעוואוינען צו די תורה אזוי וועט פארוויינ'גערט ווערן אונזער אינטערעס אין די וועלטליכע נארישקייטן, און דורך דעם וועט פארווירקליכט ווערן אונזער וואונטש און מיר וועלן זוכה זיין צו שטייגן און וואקסן אין תורה ('שיח יצחק' שם).

### ווי א געוואוינהייט פון עסן און טרינקען

אמאל האט מען געפרעגט פון האדמו"ר בעל ה'אמרי אמת' פון גור: וויאזוי בעטן מיר 'שתרגילנו בתורתך', חז"ל זאגן דאך (תנחומא כי תבוא א): "בכל יום יהא התורה חביבה עליכם כאילו היום הזה קבלתם אותה מהר סיני"? האט ער געענטפערט: מיר בעטן אז די תורה זאל זיין ביי אונז א געוואוינהייט אזוי ווי עסן און טרינקען, וואס יעדע מאל האט דער מענטש א טעם ביים עסן און טרינקען (סידור 'שפת אמת - ליקוטי יהודה' עמ' צג).

**אין ספר 'עולת תמיד'** (פרק ט) **לייגט ער צו אז ביי די ווערטער "שתרגילנו בתורתך" בעטן מיר אז אלע אונזערע מעשים און הנהגות זאל זיין ווי עס פאסט פאר א 'בן תורה', אזוי ווי מיר טרעפן וואס די חכמים האבן געהייסן** (מס' דרך ארץ פ"ח)**: "תלמיד חכם צריך שיהא צנוע באכילה ובשתיה, ברחיצה ובסיכה, ובנעילת הסנדל, בהליכתו ובעטיפתו, ובקולו וברוקו ובמעשיו הטובים".**

### מקיים זיין די מצוות מיט א דביקות

נאך בעטן מיר פון הקדוש ברוך הוא: "ודבקנו במצותיך". מיר זאלן נישט מקיים זיין די מצוות אזוי ווי א מעכאנישע טאט אן פארשטאנד און געפיל, נאר מיר זאלן זיי מקיים זיין מיט א ברען און הייליגע געפילן. ווייל אזוי זאגן די חכמים (ילקוט שמעוני שלח תשנ): "א משל צו איינעם וואס איז אריינגעפאלן אין וואסער, דער קאפיטאן האט אים דערלאנגט די שטריק, און אים געזאגט: כאפ אן דער שטריק אין דיינע הענט און לאז עס נישט אפ - אויב דו לאזט עס אפ האסטו מער נישט קיין לעבן. אזוי אויך האט הקב"ה געזאגט פאר די אידן: כל זמן וואס ענק זענען **באהאפטן צו די מצוות** האבן ענק לעבן, אזוי ווי עס שטייט (דברים ד ד): 'ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום'" ('הארת התפילה' עמ' כז). ווען א מענטש איז מקיים די מצוות מיט א ברען און דביקות, קומט אויף אים ארויף די ליכטיגקייט און די הייליגקייט פון די מצוה, און דאס דערהייבט אים און הייליגט אים ('שיח יצחק' שם).

לכאורה, וואלט מען געדארפט בעטן פארקערט; "שתרגילנו במצותיך ודבקנו בתורתך", ווייל אויף תורה איז ענדערשט פאסיג דער לשון 'דביקות' - אז דער מענטש זאל זיין דבוק אין די תורה, און ביי מצוות איז ענדערשט דער לשון 'הרגל' - דער מענטש זאל זיך איינגעוואוינען זיי מקיים זיין?

נאר די ערקלערונג איז אזוי: א מענטש איז מחוייב צו לערנען תורה א גאנצן טאג, און דורך דעם וועט ער ממילא צוקומען צו א גלוסטעניש און א דביקות, דעריבער איז גענוג צו בעטן: "שתרגילנו בתורתך". דאקעגן ביי מצוות קען דער מענטש זיין 'געוואוינט' צו מקיים זיין די מצוות, אבער ווייל ער טוט עס אזוי ווי 'מצות אנשים מלומדה', איז ער נישט דבוק אין זיי מיט זיין גאנצע הארץ, דעריבער בעטן מיר: "ודבקנו במצותיך" ('שפתי חיים', ביאורי תפילה עמ' סו).

**וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ** מיר בעטן דיר, עס זאל זיין דער ווילן פון דיר (סידור 'תפלה למשה') **ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתַּרְגִּילֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ** מיר זאלן זיין איינגע־וואוינט אין דיין תורה **וְתַדְבְּקֵנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ** און מיר זאלן מקיים זיין די מצוות מיט א דביקות.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די קרענק איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן

אסאך איז שוין געשריבן און געזאגט געווארן אויף די באזונדערע סגולה פון די ברכה 'אשר יצר' אויף רפואות און ישועות, א סגולה וואס ווערט געברענגט אין נאמען פון די קדמונים און אסאך גדולי עולם האבן אויף דעם ממליץ געווען. עס זענען פארהאן נישט ווייניג ערציילונגען וואס זענען ווי א אפענע באוויז אויף די נוצן פון די באזונדערע סגולה, אזוי ווי די פאלגנדע וואונדערליכער ערציילונג וואס איז געהערט געווארן פון א כלי ראשון פון דער בעל המעשה:

פאר אסאך פון אונז איז די ווארט 'קוליטיס' (קאלייטוס) נישט ספעציעל באקאנט. אבער פאר נישט ווייניג מענטשן דערמאנט זי א שרעקליכע אפקומעניש וואס פארטונקלט זייער רואיגע לעבן. 'קוליטיס' איז די נאמען פון א שווערע ענצינדונג-קראנקייט אויף די קישקעס, וואס גרויסע פראפעסארן זענען שוין מיד געווארן פון צו טרעפן פאר דעם א היילונג'ס מיטל, און די אויספארשער קענען נישט ווייזן אויף א קלארער זאך וואס דאס ברענגט צו איר ערשיינונג.

יעדער וואס האט שוין אמאל געפילט א קראנקייט אויף די קישקעס, רחמנא ליצלן, געדענקט זיכער די שרעקליכע ליידן וואס איז פארבינדן מיט דעם. אבער די וואס קענען אויף זייער אייגענעם לייב די שווערע סימפטאמען פון די קוליטיס קראנקייט, און האבן געפילט די ווייטאגן און יסורים וואס קומען מיט מיט דעם, נאר דערמאנען איר נאמען אליין ברענגט א סקרוך אין זייער קערפער.

די קוליטיס קראנקייט איז א ענצינדונג וואס קומט אלץ רעזולטאט פון א שוואכע וואקסינישע סיסטעם, וואס געווענליך דארף דאס באשיצן אונזער קערפער. די ענצינדונג פון די קוליטיס שעדיגט זייער שטארק די קישקעס, און וועגן דעם ברענגט עס צו שרעקליכע ווייטאגן וואס שטערט שטארק די טאג טעגליכע לעבן. אין אסאך פעלער קען די קראנקייט צוברענגען אז דער קראנקער זאל זיך דארפן אויפהאלטן אין שפיטאל א לענגערע צייט, און אמאל אויך דארפן אריבערגיין א שווערע אפעראציע אויף די קישקעס.

ווען רבי שמעיה, פון אונזער ערציילונג, א חשובער יונגערמאן און א תלמיד חכם וואס איז אויך זוכה צו מרביץ תורה זיין ברבים, האט אנגעהויבן ליידן פון שווערע פראבלעמען אין די קישקעס, האט ער געמיינט אז עס רעדט זיך פון א ערשיינונג וואס גייט אריבער, אזאך וואס קומט פון עסן פארדארבענע עסנווארג א.ד.ג.. אבער ווען די טעג האבן זיך געצויגן און עס האט זיך נישט פארבעסערט זיין מצב, האט ער זיך געווענדן צו די דקאטורים.

רבי שמעיה האט געשילדערט פארן דאקטער, און יענער האט אים באלד געשיקט צו א סעריע גרינטליכע אונטערזוכונגען, וואס די ענטפערס האבן געוויזן אן קיין ספק אז ער ליידט פון קוליטיס.

ווען עס איז אנגעקומען די ענדגילטיגע ענטפער'ס איז רבי שמעיה גערופן צום דאקטער, דארט האט ער באקומען א גרינטליכע ערקלערונג אויף די שווערע צרה וואס ער איז פלוצלינג אין דעם אריינגעפאלן, ווען פון זיין זייט, די שווערסטע זאך פון אלעס איז געווען די מעלדונג אז בדרך הטבע איז נישטא קיין וועג זיך צו היילן אינגאנצן פון די קראנקייט, און דער וואס ליידט דערפון דארף זיך גרייטן זיך צו קענען ספראוווען מיט די קראנקייט א גאנצן לעבן.

ר' שמעיה איז ארויס פון דאקטער'ס צימער ווען זיין קאפ שווינדלט אים און איז צומישט. זייענדיג געשאנקען מיט א שטארקע אמונה און יראת שמים, האבן די ווערטער פון דאקטער אויף די שווערע לעבן וואס ווארט אים אפ, נישט געקענט אפשוואכן זיין אמונה. ער האט איין מינוט נישט געטראכט אננעמען וואס ער האט געהערט פון און זיך מכניע זיין צו די טבע, אבער די ביטערע בשורה איז אים שווער געווען צו פארדייען.

די שטיקל וועג וואס איז אים איבערגעבליבן ביזן אנקומען אין שטוב האט ער אויסגענוצט זיך צו מחזק זיין מיט אמונה פשוטה אז השם יתברך איז דער גרעסטער דאקטער, און די היילונג'ס מיטלען אויף יעדע קראנקייט ליגט אין זיינע הענט. ער דארף פאררעכטן וואס עס פעלט אויס צו פאררעכטן און זיך מחזק זיין מיט די זאכן וואס פעלן אויס חיזוק, און אויב דער אייבערשטער וויל האט ער נישט קיין אפהאלט פון צו שיקן פון הימל א רפואה שלמה.

פארשטייט זיך אז ר' שמעיה האט זיך נישט צוריק געהאלטן פון צו אננעמען די המלצות פון די דאקטורים; פון יענעם טאג און ווייטער האט ער זיך איינגעוואוינט נייע לעבנ'ס-געוואוינונגען וואס זענען אים פארגעשריבן געווארן דורך די דאקטורים, וואס צו עסן א.א.וו., אבער צוזאמען מיט דעם האט ער אסאך געטראכט וועלכע רוחניות'דיגע זאך זאל ער זיך פארבעסערן און מחזק זיין.

נאכן זיך באראטן מיט זיינע רבי'ס האט ער באשלאסן מקבל זיין אויף זיך די באוואוסטע סגולה וואס ווערט געברענגט אין די קדמונים, אז פון דער טאג און ווייטער וועט ער זיך מחזק זיין מיט לויבן השי"ת ביי די ברכה 'אשר יצר' דורכן עס זאגן מיט גרויס כוונה און אינעווייניג.

אויך ווען ער איז אדורכגעפאלן איין מאל צי צוויי מאל - האט ער נישט נאכגעלאזט, נאר ער האט פארגעזעצט אנהאלטן זיין קבלה אן א שוואכקייט, אויב דאס איז אים נישט גענוג געווען האט ער זיך משתדל געווען צו מחזק זיין אלע ארומיגע מיט די חשיבות פון זאגן די דערהויבענע ברכה מיט כוונה. פון טאג צו טאג האט ער געפילט וואו ער אנטפלעקט פרישע טייטשן אין די טיפקייט פון די ספעציעלע ברכה, און דורך דעם זענען די געפילן פון לויב צו הקב"ה געשטיגן מער און מער.

נאכן אריבער גיין א שטיקל צייט איז ער געווען ביים דאקטער טון די געווענליכע בדיקות. ווען די ענטפער'ס זענען אנגעקומען האט דער דאקטער געגעבן א געשריי; ענדליך, נאך א לאנגע צייט וואס די קראנקייט האט זיך פארערגערט הייבט מען אן צו זען אשטיקל פארבעסערונג.

פון יעצט האט ר' שמעיה אנגעהויבן פילן א פארגרינגערונג. די ווייטאגן און די שווערע סימפטאמען האבן אנגעהויבן נאכלאזן זיין קערפער, און נאך עטליכע חדשים האבן זיי אינגאנצן אויפגעהערט.

די בדיקות וואס ער האט געטון אין די קומענדיגע צייט ווען עס איז געווען באשטימט צו דעם, האבן געוויזן אז די קראנקייט געפונט זיך נאך אין זיין קערפער, אבער ווייל די נאכווייען האבן זיך אינגאנצן אויפגעהערט האט עס אים נישט צופיל געמוטשעט. ער האט צוריק אנגעהויבן פונקציאנירן ווי א געווענליכער מענטש און צוביסלעך איז די קראנקייט פארגעסן געווארן פון אים.

די סומע פון דרייצן יאר וואס זענען אריבער פון נאך זיין קראנקייט האבן אפגעשוואכט אביסל די קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען אין זיין קראנקייט. ער האט זיך געטראפן זאגן די ברכה 'אשר יצר' אפגעכאפטערהייט, אזוי ווי אסאך אנדערע, און די דערמאנונג אויף דעם - האט נישט פארשפעטיגט פון צו קומען.

די קראנקייט איז צוריק מיט איר פולן שטארקייט, און צוזאמען מיט דעם די יסורים און שרעקליכע ווייטאגן. דאס מאל האט ער באשלאסן זיך ווענדן צו דעם גרעסטן פראפעסיאנאל אין לאנד, וואס דינט אלץ אויפזעער פון א אפטיילונג אין איינע פון די חשובע שפיטעלער. אבער אסאך האט ער נישט געהאט וואס צוצוגעבן. ער פונקט ווי דער פריערדיגער האט אויך געמאלדן אז עס איז נישטא קיין היילונג'ס מיטל פאר די קראנקייט. מ'קען עטוואס גרינגער מאכן די ווייטאגן, אבער עס איז נישטא א וועג אינגאנצן אפהאלטן פון צו קומען.

א שטערקערע דערמאנונג פון דעם האט אים נישט אויסגעפעלט. אויך דאס מאל האט ער באשלאסן זיך נישט לאזן פון וואס די דאקטורים שרייבן פאָר, נאר זיך שטארקן צום צווייטן מאל מיטן זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה, און אלץ א תשובה אויף דעם וואס ער האט אביסל נאכגעלאזט ביז יעצט, האט ער זיך אויך אונטער גענומען זיך מחזק זיין מיט זאגן די ברכה 'רפאנו' מיט כוונה.

יעצט איז ער נישט איבערראשט געווארן ווען א קורצע צייט נאכדעם זענען די סימפטאמען אינגאנצן פארשווינדן געווארן ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט געווען פון פריער. אויב דאס איז נישט געווען, ביי די קומענדיגע בדיקה וואס ער האט געטון צוליב די באפעל פון א גרויסער דאקטער, זענען זיי צוויי איבערראשט געווארן צו זען אז די קישקעס האבן זיך אינגאנצן אויסגעהיילט.

די קראנקייט איז אוועק געגאנגען און איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן פון זיין קערפער דורך א אומקלארע וועג, א זאך וואס אויך די גרויסע דאקטורים האבן צוגעשטימט אז מ'קען עס אנרופן א אפענער נס.

"טאקע אזוי", האט דער יונגערמאן געענדיגט זיין ערציילונג, "איך בין איבערגעצייגט געווארן צו זען אז דער גרעסטער כח צו קענען היילן ווייטאגן ליגט אין האנט פון דער מענטש אליין. אויב ער וועט נאר מקבל זיין אויף זיך זיך צו מחזק זיין און פאררעכטן וואס עס פעלט אויס, איז די ישועה אים פארזיכערט פון הימל, פון די הענט פון השי"ת דער רופא כל בשר ומפליא לעשות".

'אין עוד מלבדו' עמ' 254

עיצובים shay